# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** צווישן די איינגעשפארטע אין אוישוויטץ איז געווען דער ווייצענער רב, רבי צבי הירש מייזעלס זצ"ל. ווען די דייטשע ימ"ש זענען אריינגעקומען אין זיין שטאט, האבן זיי אוועקגענומען ר' צבי הירש מיט זיין משפחה. עס איז נישט געווען אסאך צייט צוזאמצונעמען זייערע זאכן, און די דייטשע ימ"ש האבן סיי ווי סיי נישט געלאזט מיטברענגען אסאך זאכן. ר' צבי הירש האט לכתחילה געוואלט מיטברענגען זיין תפילין, אבער ער האט מורא געהאט אז די הייליגע תפילין וועלן קומען צו א בזיון ח"ו. וועגן דעם האט ער נאר געברענגט זיין טלית.

יענע טלית איז נישט געווען סתם א טלית. די טלית איז געווען א מתנה פון ר' צבי הירש'ס שווער וואס האט עס געירשענט פון דעם צדיק דעם בעל ייטב לב ז"ל. חז"ל זאגן אז ציצית איז א מצוה וואס ברענגט שמירה. (עיין מנחות מד.) און ר' צבי הירש האט געטראכט אז די טלית פון א צדיק וועט אים נאך מער היטן, מיט דעם באשעפער'ס העלף.

ווען ר' צבי הירש מיט די אנדערע אידן זענען אנגעקומען קיין אוישוויטץ, האבן די חיות ימ"ש אוועקגענומען אלעס וואס די אידן האבן מיטגעברענגט. ר' צבי הירש האט נישט געהאט קיין ברירה און ער האט געדארפט איבערגעבען די טלית. ער האט זיך אפגעמאכט אבער אז ער וועט אלעס טון נאר צוריקצובאקומען זיין טייערע טלית. ער האט נאכגעפרעגט און ער איז געוואר אז אלע זאכן וואס זיי האבן אוועקגענומען האבן זיי געלייגט אין איין פלאץ אין מיטן דעם לאגער. דארט האבן זיי דורכגעקוקט אלעס און באגנבעט אלע טייערע זאכן.

ווי נישט ווי האט ר' צבי הירש עס ערלעדיגט אז ער זאל קענען ארבעטן אין דעם לאגער מיט דער גרופע אידן וואס האבן געארבעט אין דעם פלאץ וואו מען האט געלייגט אלע זאכן. איין טאג דערנאך האט ער מיט נסים געטראפן זיין טלית. מיט גרויס שמחה האט ער אריינגעשטיפט די טלית אינטער זיין קליידער. ער האט געוואוסט אז מיט דעם וואס ער האט צוריקגענומען די טלית, האט ער געשטעלט זיין לעבן.

כדי צו ממעט זיין די סכנה, האט ער באין ברירה און מיט א שווערן הארץ געשניטן די טלית און געמאכט פון עס א טלית קטן וואס ער וועט קענען טראגן אונטער זיין העמד. באמת איז עס אויך געווען א סכנה ווייל די קליידער פון די איינגעשפארטע זענען געווען אזוי דין, אז יעדער וואס וועט גוט קוקן וועט קענען דערקענען אז ער טראגט עפעס אונטער זיין העמד. אבער וואס האט ער געקענט טון! ער האט געוואלט מקיים זיין די טייערע מצוה פון ציצית!

ב"ה אז די זכות פון די מצוה פון ציצית האט אים טאקע געהיטן. עס איז געווען הפלאדיק, ער האט ב"ה מצליח געווען צו טראגען די ציצית אפאר יאר ביז דעם ענד פונעם מלחמה, ווען ער האט געארבעט אין א לאגער אין בראנצווייג.

דעמאלט, האבן די אמעריקאנער זיך דערנענטערט צו די דייטשע, און די דייטשע האבן אנגעפאנגען אויסצולוידיגען די לאגערן. די אידן האבן געקענט הערן ווי די אמעריקאנישער עראפלאנען האבן געשאסן פון הימעל.

די דייטשע ימ"ש זענען אנטלאפן און זיי האבן מיטגעברענגט אלע איינגעשפארטע אידן מיט זיי אויף א באן. בעפאר זיי האבן געשטופט די אידן אויפן באן, האבן זיי באקוקט די אידן צו מאכן זיכער אז זיי האבן גארנישט געשמוגלט. דאן האבן די רשעים געטראפן ר' צבי הירש'ס ציצית. א דייטשער סאלדאט מיטן נאמען "ווילי" האט אראפגעריסן די ציצית פון ר' צבי הירש'ס צובראכענע גוף. דאן האט דער חיה געווארפן די ציצית אריין אין א פייער בשעת ר' צבי הירש האט אלעס אנגעקוקט מיט א פחד.

ר' צבי הירש איז געווארן זייער צובראכן. ער האט געהאלטן אז די טלית קטן האט אים געהיטן דורך די שווערע מלחמה יארן. אבער, ב"ה אז ר' צבי הירש איז געבליבן מיט זיין שטארקע אמונה. דער אייבערשטער וועט אים אפהיטן.

די דייטשע ימ"ש האבן געשטופט די אידן אויפן באן אין אן אכזריותדיגע אופן, אזוי ווי זייערע שטייגער איז געווען. פארשטייט זיך אז עס איז נישט געווען גענוג פלאץ פאר יעדן איינעם. די רשעים האבן באשטעלט ווילי, דער סאלדאט וואס האט פארברענט די ציצית, אין דעם זעלבן באן וואו ר' צבי הירש און זיין זון זלמן לייב זענען געווען. די סאלדאטן האבן זיך געמאכט א פלאץ פאר זיי אין מיטן דעם באן. דארט האבן זיי זיך מחיה געווען מיט אלע סארט עסן, בשעת די אידן האבן געליטן פון הונגער און געשטאנען צוזאמען אריינגעפאקט אין א ענגע פלאץ.

בשעת די באן איז געפארן איז עס געווארן נאכט. ר' צבי הירש איז געווען אויסגעמוטשעט מיד. ער האט געדארפט שלאפן אבער ער איז דאך געשטאנען. די איינציגסטע וועג ווי אזוי ער האט געקענט זיך איינשלאפן איז געווען צו לייגן זיין קאפ אויף דעם אקסעל פון זיין זון וואס איז געשטאנען לעבן אים.

ר' צבי הירש האט נאר געשלאפן אפאר מינוט ווען זלמן לייב האט אים אויפגעוועקט. "טאטי, מיין אקסעל טוט מיר וויי! אנטשולדיגט מיר ביטע, אבער איך קען נישט פארנומען דעם ווייטאג! איך קען נישט מער שטיין אזוי..."

ר' צבי הירש האט נישט געהאט קיין ברירה און ער האט אויפגעהויבן זיין קאפ פון זיין זון'ס אקסעל. ב"ה אז ר' צבי הירש'ס שכן וואס איז געשטאנען אויפן אנדערן זייט, האט געלאזט ר' צבי הירש לייגן זיין קאפ אויף זיין אקסעל. ר' זלמן לייב אליינס איז גלייך איינגעשלאפן אויף זיין שכן'ס אקסעל. און אזוי האבן ביידע זיך געקענט איינשלאפן.

אפאר מינוט שפעטער, האבן זיי געהערט די רעש פון די אמעריקאנישער עראפלאנען פון אויבן. די אמעריקאנער האבן געמיינט אז עס זענען געווען דייטשע סאלדאטן אין דעם באן. דערפאר האבן זיי געשאסן אויף די באן.

פלוצלינג, האבן זיי געשפירט ווי קוילן זענען אנגעקומען צו דעם באן. קוילן זענען אריינגעקומען דורך דעם וואנט צווישן די קעפ פון ר' צבי הירש און זיין זון זלמן לייב. וויבאלד אז די צווי האבן זיך אנגעליינט אויף זייערע שכנ'ס אקסעלן, זענען זיי ב"ה געראטעוועט געווארן. אפאר מינוט פריער און ביידע וואלטן זיכער אומגעקומען, דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

נישט נאר דאס אז די קוילן האבן ב"ה נישט געטראפן ר' צבי הירש און זיין זון, אבער ב"ה, זענען די קוילן יא געטראפן דעם סאלדאט ווילי ימ"ש, וואס האט פארברענגט די ציצית. ווילי האט געוויינט פון צער ווען זיינע צווי הענט זענען אראפגעריסן געווארן פון די קוילן. מיט דעם האט ער מקיים געווען די פסוק "והשב לשכנינו שבעתים אל חיקם חרפתם אשר חרפוך השם." (תהלים עט) איינער פון די אנדערע סאלדאטן האט געזאגט דעמאלט "...ווילי עס זעהט אויס אז דו גייסט נישט מער קענען ווארפן יענער איד'ס ציצית אריין אין פייער!"

ווען ווילי האט געהערט די ווערטער, האט ער זיך געגעבן א דריי צו ר' צבי הירש און אים איבערגעבעטן. ר' צבי הירש האט נאך געהאט דעמאלט א ספר תהלים וואס ער האט געהאלטן פון אנפאנג דער מלחמה. יעצט, האבן ר' צבי הירש מיט זיין זון געזונגען צוזאמען, "הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל!"

דאן האט איינער פון די פרייע אידן אין דעם באן זיך אנגערופן און געזאגט צו ר' צבי הירש, "ביטע, דאווען פאר אונז. יעדער איינער זעט יעצט אז ג-ט היט אייך. און אזוי ווי ג-ט האט יעצט געראטעוועט דיין לעבן און באשטראפט דעם דייטשען, זאל ער אונז שוין ראטעווען פון אלע רשעים!" (פון ספר מקדשי השם.)

מען פרייט זיך אזוי שטארק אין פורים צו זען ווי די אידן האבן נקמה גענומען קעגן די גוים. דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן אז מיר זאלן אלע זוכה זיין בקרוב ממש צו זעהן "יודע בגוים לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך." **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845) כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**